ה. לייוויק

# אייביק



די וועלט נעמט מיך ארום מיט שטעכיקע הענט,
און טראגט מיך צום פייער, און טראגט מיך צום שייטער:
איך ברען און איך ברען און איך ווער ניט פארברענט, —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפאן אוועק ווייטער.

איך שפאן דורך פאבריקן און פאל אונטער ראד,
איך רייס־אויף די דאמפן מיט קראפט מיט באנייטער,
איך לייג זיך אוועק, ווי א נייער יסוד, —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפאן אוועק ווייטער.

אט שפאן איך זיך איין אין געשפאן פון א פערד,
און איבער מיר בייטשט א דערצארנטער רייטער:
ווי אן אקער א שארפער איך גראב דורך די ערד, —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפאן אוועק ווייטער.

איך זיי מיינע לידער, ווי קערנער מען זייט,
זיי שפראצן, זיי וואקסן, ווי זאנגען און קרייטער:
און איך אליין ליג ווי א דארן פארדרייט, —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפאן אוועק ווייטער.

איך וואוין אין א תפיסה. איך רייס אויף די צעל,
עס טרעט איבער מיר צו זיין גליק דער באפרייטער,
און מיך לאזט ער ליגן אין בלוט ביי דער שוועל, —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפאן אוועק ווייטער.

אין בלוט מיינע קליידער, — די פיס קוים איך שלעפ,
איך קום מיט א ליבשאפט פון לעצטן געלייטער:
איך קום צו א שטיבל, איך פאל אויף די טרעפ — — —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפאן אוועק ווייטער.

ה. לייוויק — איז געבוירן געוואָרן כ״ז כסלו תרמ״ט (דאָס דריטע חנוכה־ליכטל), דעצעמבער, 1888, אין איהומען, מינסקער גובערניע. ער האָט געלערנט אין חדרים און ישיבות און אין 1906 איז ער אַרעסטירט געוואָרן פאַר געהערן צום „בונד". אין 1908 איז ער פאַרמשפּט געוואָרן אויף פיר יאָר קאַטאָרזשנער אַרבעט. די קאַטאָרגע איז ער אָפּגעקומען אין מאָסקווער טורמע „בוטירקי" און אין אַ סך אַנדערע תּפיסות. אינעם יאָר 1912 איז לייוויק פאַרשיקט געוואָרן אויף אייביקער פאַרשיקונג אין סיביר, אינעם דערפל וויטים, אויף דער לענע, אירקוטסקער ראַיאָן. אין 1913 איז לייוויק אַנטלאָפן פון סיביר און אינעם חודש מאי 1913 איז לייוויק אָנגעקומען אויף דער שיף „קליוולאנד" קיין ניו־יארק. ה. לייוויק האָט געדרוקט זיין ערשט ליד אין ניויארקער „צייט־גייסט" (1907). פון דעמאָלט אָן האָט לייוויק אָנגעהויבן צו גיין אַ כסדרדיקן באַרג־אַרויף אין דער יידישער ליטעראַטור און אינעם יידישן לעבן. אין זיינע לידער־ביכער, אין זיינע דראַמעס, אין אַלץ, וואָס לייוויק האָט ביז היינט פאַרעפנטלעכט איז דאָ — לייוויק. ס'איז גענוג אַרויסצורעדן דעם נאָמען „לייוויק" און מיר רינגלען אים אַרום מיט ליבע און — דרך־ארץ. צו זעקס און זעכציק יאָר איז לייוויק שאַפעריש פריש. „גזר" און „איוב" זענען די בעסטע עדות.
מיר ווינטשן אים — אריכת ימים ושנים — כוח צו שפּאַנען ווייטער.

אַרויסגעגעבן פון די
פאַרלאַגן
„טינט און פעדער"
און
„גרשון פאָמעראַנץ
עסיי־ביבליאָטעק־
טאָראָנטע — קאַנאַדע

*Printed in Canada by the*
**POMER PUBLISHING AND PRINTING CO.**
Gershon Pomerantz
*Proprietor*
**206 SPADINA AVENUE**
**TORONTO, ONT.**
*Telephone*
EMpire 3-1367

36